אויפֿן וועג שטייט אַ בוים

Oyfn Veg Shteyt A Boym



אויפֿן וועג שטייט אַ בוים
שטייט ער איַינגעבויגן,
אַלע פייגל פונעם בוים
זענען זיך צעפלויגן.

דריַי קיין מזרח, דריַי קיין מערב,
און דער רעשט קיין דרום.
און דעם בוים געלאָזט אַליין,
הפקר פאַרן שטורעם.

זאָג איך צו דער מאַמע: „הער,
זאָלסט מיך נאָר נישט שטערן,
וועל איך, מאַמע, איינס און צוויי
באַלד אַ פֿויגל ווערן.

„איך וועל זיצן אויפֿן בוים
און וועל אים פאַרוויגן
איבערן ווינטער מיט אַ טרייסט, —
מיט אַ שיינעם ניגון.“

זאָגט די מאַמע: „ניטע, קינד“,
און זי וויינט מיט טרערן.
„קענסט חלילה אויפֿן בוים
מיר פֿאַרפֿרוירן ווערן.“

זאָג איך: „מאַמע, ס׳איז אַ שאָד
דיַינע שיינע אויגן“ —
און איידער וואָס, און איידער ווען,
בין איך מיר אַ פויגל.

וויינט די מאַמע : „איציק קרוין,
נעם, אום גאָטעס ווילן,
נעם כאָטש מיט אַ שאַליקל,
זאָלסט זיך נישט פאַרקילן.

„די קאַלאָשן נעם דיר מיט,
ס׳גייט אַ שאַרפֿער ווינטער —
און די קוטשמע טו דיר אָן,
ווײ איז מיר, און ווינד מיר.

„און דאָס ווינטער־לייבל נעם,
טו עס אָן דו שוטה,
אויב דו ווילסט נישט זײַן קיין גאַסט
צווישן אַלע טויטע.“ —

כ׳הויב די פֿליגל. ס׳איז מיר שווער
צו פֿיל, צו פֿיל זאַכן,
האָט די מאַמע אָנגעטאָן,
דעם פֿייגעלע דעם שוואַכן.

קוק איך טרויעריק מיר אַרײַן
אין דער מאַמעס אויגן:
ס׳האָט איר ליבשאַפֿט נישט געלאָזט
ווערן מיך אַ פֿויגל.